**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווארנער HOCHUL (האקול) מעלדט באמיאונגען צו באשיצן ריינע וואסער, שטיצן קלימאט שטאנדהאפטיגקייט און באשיצן ניו יארק'ס נאטורליכע רעסאורסעס

***סטעיט און די סטעיט שלאגט פאר 500 מיליאן דאלאר פאר ריינע וואסער, ברענגענדיג די סטעיט'ס אינוועסטירונג צו א רעקארד 6 ביליאן דאלאר און נידערנדיג וואסער בילס פאר ניו יארק פאמיליעס***

***פארגעשריטענע פאליסיס צו העלפן ניו יארקערס באשיצן הייזער, ביזנעסער און אינפראסטרוקטור פון עקסטרעמע וועטער***

***ווידער-אטאריזירט סטעיט סופערפאנד פראגראם צו פארשנעלערן רייניגונגען און נוצן פארפעסטיגטע פלעצער פאר פראדוקטיווע באנוץ***

***פינאנצירט לאנד קאנזערוואציע און מאדערניזירט פראצעדורן צו פארברייטערן צוטריט צו פארקס און גרינע פלעצער, באזונדער אין באזייטיגטע קאמיוניטיס***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א 500 מיליאן דאלאר פינאנצירונג פארפליכטיגונג פאר ריינע וואסער אלס טייל פון איר 2025 סטעיט און די סטעיט, ברענגענדיג די סטעיט'ס אינוועסטירונג צו א רעקארד 6 ביליאן דאלאר. די פארפליכטיגונג איז טייל פון א ברייטערע וויזיע צו באשיצן טרינק וואסער און אדרעסירן ענוויראמענטאלע דויערהאפטיגקייט לענגאויס די סטעיט. גאווארנער Hochul's (האקול'ס) אגענדא נעמט אויך אריין איניציאטיוון צו העכערן קלימאט שטאנדהאפטיגקייט אין קעגן עקסטרעמע וועטער און פארברייטערן צוטריט צו גרינע ערטער, באזונדער אין די באזייטיגטע שטאטישע געגנטער. די באמיאונגען זאגן נישט נאר צו צו שאפן דשאבס און פארבעסערן ענוויראמענטאלע קוואליטעט נאר אויך צו לייגן די פונדאמענט פאר א געזונטערע, מער דויערהאפטיגע צוקונפט פאר אלע ניו יארקערס.

"אלס גאווארנער, בלייב איך איבערגעגעבן צו בויען א געזונטערע, מער דויערהאפטיגע און שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר יעדע ניו יארקער," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך אינוועסטירן אין ריינע וואסער, גרינע אינפראסטרוקטור און שטאנדהאפטיגקייט, באשיצן מיר אונזערע קאמיוניטיס, מיר שאפן דשאבס און אדרעסירן קלימאט טויש. די באמיאונגען לייגן די פונדאמענט פאר א שטערקערע, מער גלייכע צוקונפט - איינס וואו ענוויראמענטאלע דויערהאפטיגקייט און קאמיוניטי וואוילזיין גייען האנט-ביי-האנט."

**אינוועסטירן אין אונזער וואסער אינפראסרטוקטור**

גאווארנער Hochul (האקול) אנערקענט די שטארקע געברויך צו באשיצן פאבליק געזונטהייט, אדרעסירן ענוויראמענטאלע שוועריקייטן און פארזיכערן אז עס איז דא צו באקומען ריינע טרינק וואסער פאר אלע

ניו יארקערס. דאס צו פארזיכערן, זענען דויערהאפטיגע אינוועסטירונגען קריטיש צו העלפן מוניציפאליטעטן דערגרייכן זייער קריטישע טרינק וואסער און אפלויף אינפראסטרוקטור געברויכן.

גאווערנאר Hochul (האקול) שלאגט פאר קריטישע איניציאטיוון צו באשיצן וואסער אינפראסטרוקטור.

- **אינוועסטירן 500 מיליאן דאלאר** צו רעדוצירן וואסער בילס, באקעמפן פארפלייצונגען, צוריקשטעלן וואסערוועגן און אויפטוישן הויפט סערוויס ליניעס צו באשיצן שוואכע באפעלקערונגען, באזונדער קינדער און באזייטיגטע קאמיוניטיס.
- **אנפאנגען א פילאט פראגראם** צושטעלנדיג פינאנציעלע הילף פאר פריוואטע קוואל אייגנטומער צו אונטערזוכן און פאררעכטן קוועלכער וואס זענען באטראפן געווארן דורך ארויסגעקומענע פארפעסטיגונגען.
- **שאפן א נייע גרענט פראגראם** קאנצענטרירט אויף פארשטערקערן די סייבערזיכערהייט מעטשוריטי פון די וואסער און אפלויף וואסער סיסטעמען סעקטאר צוצושטעלן טעכנישע הילף און פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונג וואסער און אפלויף וואסער סיסטעמען צו עפעקטיוו באטראכטן זייער סייבערזיכערהייט איוסשטעל, אנטוויקלען א סייבערזיכערהייט פלאן און פארבעסערן זייער סייבערזיכערהייט שטאנדהאפטיגקייט.
- **אנווייזן** דעם דעפארטמענט אוו העלט (Department of Health), דעפארטמענט אוו ענוויראמענטאלע קאנזערוואציע(Department of Environmental Conservation), און דעפארטמענט אוו פאבליק סערוויס (Department of Public Service) אנצופאנגען צו שאפן מינימום סייבערזיכערהייט סטאנדארטן פאר וואסער און אפלויף וואסער יוטיליטיס צו באשיצן די פארלעסליכקייט און זיכערהייט פון אונזער וואסער און אפלויף וואסער סערוויסעס.

**פארמערן שטאנדהאפטיגקייט און באשיצן ניו יארקערס פון עקסטרעמע וועטער**

נאכפאלגנדיג אן אנפאל פון שטארקע רעגן, פארפלייצונג, עקסטעמע וועטער, שטארקע היץ און ביטערע קעלט, שלאגט גאווארנער Hochul (האקול) פאר עטליכע שריט פאר ניו יארק צו ווייטער בויען נאך שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס און זיך צושטעלן צו די ווירקונגען פון קלימאט טויש:

- **פארברייטערן און פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגע און גרייטע פראגראמען.** שווערע וועטער לאזן ניו יארק היימאייגנטומער אין געברויך פון וויכטיגע פאררירכטונגען און לאנג-טערמיניגע שטאנדהאפטיקייט מאסנאמען. גאווארנער Hochul (האקול) וועט פארמערן פינאנצירונג פאר די שנעלע אפרף היים פאררירכטונג פראגראם ( Rapid Response Home Repair Program) און שטאנדהאפטיגע רעטראפיטס פראגראם ( Resilient Retrofits Program), וועלכע האבן צוגעשטעלט וויכטיגע הילף, העלפנדיג איבער 1,300 היימאייגנטומער זיך ערהוילן און צוגרייטן פאר צוקונפטיגע דיזעסטערס.
- **העלפן ביזנעסער זיך ערהוילן נאך דיזעסטערס.** גאווארנער Hochul (האקול) שלאגט פאר צו מאדערניזירן די דשאבס אנהאלטונג שטייער קרעדיט פראגראם ( Jobs Retention Tax Credit Program)צו בעסער שטיצן ביזנעסער אין דיזעסטער-באטראפענע געגנטער. די פארבעסערטע פראגראם וועט נידערן די בארעכטיגקייט שוועל אריינצונעמען ביזנעסער מיט 10 אדער מער איינגעשטעלטע, ערלויבנדיג קליינע ביזנעסער אנטיילצונעמען פאר די ערשטע מאל. די גאווארנער'ס פארברייטערונג נעמט אויך אוועק אינדוסטרי-ספעציפישע באגרעניצונגען, ערלויבנדיג אלע אפעקטירטע ביזנעסער צו בעטן שטיצע נאך אן עמערדשענסי געשעעניש.
- **באשיצן ניו יארק'ס אינפראסטרוקטור** בויענדיג אויף די סוקסעס פון די 2024 Green Resiliency Grant (GRG) פראגראם, וועלכע האט פינאנצירט 60 מיליאן דאלאר אין טראנספארמאטיוו פראיעקטן, שלאגט גאווארנער Hochul (האקול) פאר ווייטער צו גיין מיטן פראגראם, מיט ענוויראמענטאלע באנד אקט (Environmental Bond Act) פינאנצירונג. די רונדע וועט פריאריטיזין פראיעקטן וואס שלאגן פאר באדייטנדע ריזיקע פארמינערונג, אזויווי איוספלאסטערונג וואס קען איינזאפן מער, רעגן גארטנס און שטורעם וואסער אנהאלטונג סיסטעמען, העלפנדיג קאמיוניטיס בויען גרינערע, מער שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטור.

- **אינוועסטירן אין ים-ברעג שטאנדהאפטיגקייט.** ניו יארק'ס ים-ברעגעס שטייען אויס פארמערנדע ריזיקעס פון עקסטרעמע וועטער און העכערנדע ים-הויכקייט פארמערונגען, באדראענדיג קאמיוניס און עקאנאמיעס. גאווארנער Hochul (האקול) וועט אנפאנגען א נייע דעפארטמענט אוו סטעיט פראגראם צו שטיצן נאטור-באזירטע לעזונגען אזיווי לעבעדיגע ים-ברעגעס און עקאסיסטעם פארבעסערונגען. דערצו, פארברייטערטע פינאנצירונג פאר פראיעקטן אידענטיפיצירט אין לאקאלע וואסערפראנט ווידעראויפלעבונג פלענער ( Local Waterfront Revitalization Plan LWRP) וועט העלפן אדרעסירן פארפלייצונג ריזיקעס און פארבעסערן דויערהאפטיגקייט, שאפנדיג מער שטאנדהאפטיגע וואסערפראנטן לענגאויס די סטעיט.

**מאדערניזירן די סטעיט סופערפאנד פראגראם צו אדרעסירן לעגאסי פארפעסטיגונג**

גאווארנער Hochul (האקול) וועט מעלדן א פלאן צו ווידעראטאריזירן און מאדערניזירן די סטעיט סופערפאנד פראגראם מיט נייע געצייג צו פארשנעלערן רייניגונגען און נוצן פארפעסטיגטע ערטער פאר פראדוקטיווע באנוצן, אזיווי פאבריצירן, ריינע ענערגיע, הייזער און קאמיוניטי ווידער-אנטוויקלונג.

פאר איבער 40 יאר, איז ניו יארק'ס סופערפאנד פראגראם געווען א הויפט טייל אין ריייניגן געפערליכע אפפאל ערטער און באשיצן קאמיוניטיס. פונדעסטוועגן, ארויסקומענדע פארפעסטיגונגען אזיווי PFAS און טוישנדע אנטווילונג פריאריטעטן פארלאנגען פארבעסערונגען צו פארזיכערן אז די פראגראם בלייבט ווירקזאם. צו אדרעסירן די שוועריקייטן, וועט די פארבעסערטע געזעץ פריאריטיזירן ערטער וואס שטעלן די גרעסטע פאבליק געזונטהייט ריזיקעס, ספעציעל אין באזייטיגטע קאמיוניטיס וואס זענען אויסגעשטאנען נישט-פראפארציאנעלע פארפעסטיגונג.

**פארברייטערן צוטריט צו גרינע ערטער פאר אלע ניו יארקער**

גאווארנער Hochul (האקול) פריאריטיזירט די שאפן און אנהאלטן פון פארקס און אפענע פלעצער, באזונדער אין שטאטישע און באזייטיגטע געגנטער. ניו יארק שלאגט פאר געוואלדיגע פארוויילונגס און דרויסנדיגע געלעגנהייטן, פון די מאיעסטעטישע Adirondack High Peaks ביז די באיינדרוקנדע ניאגארא פאלס. פונדעסטוועגן, פילע קאמיוניטיס, באזונדער באזייטיגטע, האבן נישט קיין צוטריט צו גרינע ערטעט וואס שטעלן צו באדייטנדע מענטאל העלט און וואוילזיין בענעפיטן.

די גאווארנער וועט צושטעלן פינאנצירונג פאר לאנד קאנזערוואציע צו באשיצן אפענע ערטער, פארמלאנד און פארבעסערן צוטריט. אנערקענען די געברויך פאר לייכטע פראצעדורן, וועט די גאווארנער אויך אנפירן עטליכע הויפט איניציאטיוון:

- מאדערניזירן די באנוץ פון טיטל אינשורנס צו פארשנעלערן לאנד אפקויפונגען
- געבן אטאריטעט פאר דעם דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג אליין צו באקומען קאנזערוואציע פארלייכטערונגען; און
- רעדוצירן די פינאנציעלע שוועריקייטן וואס נאן-פראפיט ארגאניזאציעס שטייען אויס אין זייער לאנד קאנזערוואציע באמיאונגען

די טוישונגען און אינוועסטירונגען ווען געבן די קראפט פארן סטעיט צו מער עפעקטיוו באשיצן אונזער נאטורליכע ירושה פאר צוקונפטיגע דורות.

**ענוויראמענטאלע פאסיליטיס קארפאראציע פרעזידענט Maureen A. Coleman CEO (מאורין א. קאלמאן) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) ריינע וואסער אגענדא העלפט קאמיוניטיס אדרעסירן ניו יארק'ס וויכטיגסטע וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן, דורך סטראטעגישע איניציאטיוון און די פינאנציעלע רעסאורסעס נויטיג אנצופאנגען ארבעטן פאר קריטישע פראיעקטן. די נייע סייבערזיכערהייט גרענט פראגראם וועט העלפן באשיצן די וואסער סעקטאר'ס IT אינפראסטרוקטור פון פארמערטע סייבער דראונגען וואס האבן די מעגליכקייט צו שטערן קריטישע סערוויסעס און ברענגען

באדייטדנע קאסטן אויף באטראפענע קאמיוניטיס. די גאווארנער'ס אנגעהאלטענע פארפליכטיגונג פון 500 מיליאן דאלאר פאר וואסער אינפראסטרוקטור איז וויכטיג צו באשיצן די פאבליק געזונט פון ניו יארקערס און אונזערע פילע נאטורליכע רעסאורסעס, ווי מיר האבן געזען מיט די אומבאצווייפלטע פאזיטיווע ווירקונג פון EFC'ס וואסער גרענט פראגראמען."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענוויראמענטאלע קאנזערוואציע צייטווייליגע קאמישענער Sean Mahar (סיען מאהאר) האט געזאגט,** "א דאנק גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) אנגעהאלטענע פארפליכטיגונג און היסטארישע אינוועסטירונגען צו באשיצן קאמיוניטיס און באשיצן נאטורליכע רעסאורסעס, איז ניו יארק סטעיט'ס שטיצע פאר ענוויראמענטאלע באשיצונג, שטאנדהאפטיגקייט און דויערהאפטיגקייט אויף רעקארד שטאפלען. בויענדיג אויף די סוקסעספולע ארבעט פאראויסגעברענגט דורך DEC און אונזערע פילע פארטנערס צו אדרעסירן פארפעסטיגונג, פארמינערן האביטאט פארלוסט, און פארבינדן מער ניו יארקערס צו געלעגנהייטן ארויסצוגייען אינדרויסן, וועלן די גאווארנער'ס 2025 סטעיט אוו די סטעיט איניציאטיוון און אינוועסטירונגען וואס זענען היינט געמאלדן געווארן צושטעלן פאר לאקאלע רעגירונגען, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און אנדערע סטעיקהאלדערס מיט די רעסאורסעס נויטיג צו העלפן דערגרייכן די סטעיט'ס ענוויראמענטאלע, עקאנאמישע, פארוויילונגס און געזונטהייט צילן אין די קומענדיגע יארן."

**דעפארטמענט אוו פאבליק סערוויס CEO Rory M. Christian (רארי מ. קריסשן) האט געזאגט,** "באשיצן די פאבליק'ס טרינק וואסער איז א הויפט וויכטיגע זאך צו די דעפארטמענט. איך אפלאדיר גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) שטארקע איבערגעגעבנקייט צו באשיצן די פאבליק און אנהאלטן אוועילעביליטי, קוואליטעט און צוגענגליכקייט פון אונזער קריטיש וויכטיגע וואסער סופליי."

**סטעיט העלט קאמישענער דר. James McDonald (דשעימס מקדאנעלד) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul (האקול) נעמט שריט צו פארבעסערן געזונטהייט גלייכקייט און באשיצט טרינק וואסער - א עיקר געברויך און פונדאמענט פון גוטע געזונטהייט. דורך די פינאנצירונג, קענען מוניציפאליטעטן נעמען זייער וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן פון בלופרינט צו דורכברעכונג וועלכע וועט העלפן באשיצן די געזונט פון זייערע קאמיונייס פאר קומענדיגע יארן."

**ניו יארק סטעיט פארקס קאמישענער Randy Simons Pro Tem (פרא טעם רענדי סימאנס) האט געזאגט,** "יעדע טאג ברענגט נייע דערמאנונגען פון די נויט צו פארלייכטערן די נעגאטיווע ווירקונגען פון קלימאט טויש און צוזושטעלן פאר מעטשן פלעצער צו פארבעסערן זייער מענטאל און פיזישע געזונטהייט. גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) שטארקע וויזיע צו פארשטערקערן ענוויראמענטאלע דויערהאפטיגקייט און שטאנדהאפטיגקייט לענגאויס די סטעיט - און בויען אויף ניו יארק סטעיט'ס געוואלדיגע לעגאסי פון לאנד אנהאלטונג און ברייטע צוטריט צו דרויסנדיגע פארוויילונג - איז קריטיש פאר א לעבהאפטיגע צוקונפט פאר אונזער סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "ריינע וואסער איז קריטיש צו די געזונט און פעהיגקייט פון אונזער סטעיט, און גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פארשלאגן צו באשיצן ניו יארק'ס וואסער און פארשטערקערן די סטעיט'ס קלימאט שטאנדהאפטיגקייט וועט ווייטער ברענגען אונזער איבערגעגעבנקייט צו א מער דויערהאפטיגע צוקונפט. דורך צוזאגן נאך פינאנצירונג אויפצורימען פארפעסטיגונגען און צוריק-פארשטערקערן די סטעיט'ס אפלויף און ים-ברעג אינפראסטרוקטור, שטיצט די גאווארנער סטראטעגישע צוגענג צו ערהוילונג און באנייאונג וואס וועט מאכן אונזער עקאנאמיע נאך שטערקער."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי פון סטעיט Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאוסלי) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס לאנד-פירנדע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור שאפט ענווייראנמענטאלע,

עקאנאמישע און סאציאלע דויערהאפטיגע און שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט. די גאווארנער'ס 500 מיליאן דאלאר פארפליכטיגונג וועט אנפאנגען די ארבעט צו פארבעסערן טראנספארמאטיווע פראיעקטן וואס וועט שטיצן פאבליק געזונטהייט, פארשטערקערן קאמיוניטי שטאנדהאפטיגקייט און שאפן גרינע דשאבס פאר מיליאנען ניו יארקערס, יעצט און ביז ווייט אינעם צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט טשיעף סייבער אפיציר Colin Ahern (קאלין אהערן) האט געזאגט,**
"גאווארנערHochul'ס (האקול'ס) פירערשאפט האט געלייגט ניו יארק אויף פראנט פון שטאנדהאפטיגקייט באמיאונגען נאציאנאל. די אוועקשטעלן פון סייבערזיכערהייט מינימום סטאנדארטן און א איבערגעגעבענע גרענט פראגראם שטעלן א שטארקע ביישפיל פאר אנדערע נאכצופאלגן. די איניציאטיוון וועלן געבן פאר יוטיליטי וויסנשאפט און רעסאורסעס צו באשיצן ניו יארקערס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן